בעזהשי"ת

פרשת
סוכות
תשפ"ז
נומער 79#

# מטעמים

## אויסצוגן פון מגידים און דרשות





כרחם אב

זייט 48



א שמחה מלא טעם!
זייט מהנה די משתתפים מיט די גאר
רייכע און תוכנ'דיגע אינהאלט פון
מטעמים
באשטעלט מטעמים פאר אייער שמחה,
שבת התוועדות, ישיבות, וכדו'
ספעציעלע פרייזן פאר גרעסערע באשטעלונגען
מטעמים
לכבוד שבת שבע ברכות
משפחת סאנדער
פארבינדט אייך מיט די מערכת:
845-239-1747
matamim845@gmail.com

# האמנתי כי אדבר

## וואונדערליכע סיפורי אמונה והשגחה פרטית

## הרה"ג ר' **מענדל ווייס** שליט"א

### ר"מ בישיבה גדולה שיעור ד' קרית יואל - "קול סאטמאר" שמועס

## "וועק איר אויף!"

א יונגערמאן האט מיר געלאזט א מעסעדזש, ער בעט כ'זאל מפרסם זיין די מעשה.

ער האט א צרה צרורה מיט וואס ער מוטשעט זיך שוין 3-4 יאר. פרייטאג צונאכטס האט ער געליינט די גליון טהור עינים, וואס הרב טורנהיים געט ארויס און איז מזכה טויזנטער אידן. האט ער געזען מעשיות פון אידן וואס האבן מקבל געווען א קבלה אין שמירת עינים, און זענען ישועות.

האט ער געטראכט צו זיך 'וואו בין איך'? האט ער מחליט געווען ער נעמט א קבלה אין שמירת עינים, זייער א שווערע קבלה, און אין דעם זכות זאל ער זען א ישועה אין די גרויסע צרה מיט וואס ער פלאגט זיך שוין אפאר יאר.

ער האט געטראכט צו זיך 'קען טאקע זיין אזא זאך? כ'מוטשע מיר שוין אפאר יאר, אזוי שנעל זאל איך זען א ישועה'? דאס זענען אלץ ספיקות וואס דער בעל דבר ברענגט אריין.

ער איז איינגעשלאפן, און אינמיטן שלאף חלומ'ט ער ווי איינער שרייט אויף אים, "דעק איר אויף! דעק איר אויף!" ער וועקט זיך אויף מיט א פחד ובהלה. ער בייגט זיך איבער'ן בעטל וואו זיין 5 חדשים'דיג קינד שלאפט, נעבן אים, און ער זעט ווי דאס קינד ווארפט זיך.

געשען איז, די עירקאנדישאן האט געבאכעט, די מאמע האט מורא געהאט אז דאס קינד זאל נישט ווערן פארקילט, האט זי געלייגט אויף

# מערכת מטעמים

**845-239-1747**

**929- 359-8299**

**office@matamimweekly.com**

**צו סובסקרייבן אויף אימעיל**

**subscribe@matamimweekly.com**

# בריליאנטן

# געקליבענע סיפורים ורעיונות מפי אדמורי"ם רבנים שליט"א

## וכן הלכה

**הגה"צ ר' שלמה רובין שליט"א אב"ד ציעשנוב קרית יואל, בביהמ"ד אור חיים ריבניץ וויליאמסבורג - א' סליחות תשפ"ו:**

כ'וויל דא פארציילן א מעשה, כ'האב עס געהערט ערשטע האנט.

פאר אסאך יארן צוריק איז געווען א איד וואס איז ל"ע געווען מסובך אין אן ענין פון היפך קדושה, אויף זייער א שווערן אופן. ער האט זיך מורא'דיג געפלאגט, ער האט געוואלט תשובה טון, ער האט נישט געוואוסט וואס מ'טוט דא.

בצר לו איז ער ארויף צום ראב"ד (סאטמאר) זצ"ל, און ער האט אים געבעטן א תיקון תשובה.

ער נעמט אים ארויס א "תפלה למשה", און ער מישט אים אויף דעם באקאנטן שטיקל פונעם ישמח משה, 'נתגלי לי בחלום', אז דאס וואס שטייט פון אריה"ק אלע תיקונים, תשובת המשקל, מיט די אלע סיגופים, איז נאר געמאכט פאר עמיצן וואס איז דורכגעפאלן איין מאל אדער צוויי מאל.



אבער איינער וואס האט ל"ע 'עבר ושנה נעשית לו כהיתר', סיי וועלכע עבירה, איז דער צער הפרישה אסאך ערגער פון סיי וועלכע סיגופים דו וועסט אים וועלן געבן, ס'איז גענוג, ער דארף גארנישט מער. אזוי זאגט דער הייליגער ישמח משה.

ער ווייזט עס אים און זאגט "דו דארפסט גארנישט טון, אז דו הערסט אויף האסטו אלעס יוצא געווען".

כ'ווייס נישט וואס מיט דעם איד איז געוועזן, ער רופט זיך אן "אבער ווער זאגט אז מ'פסק'נט אזוי אין הימל?"

זעט אויס ער האט עס ערנסט געמיינט, ער איז געווען נערוועז. האט דער ראב"ד גענומען א צעטל מיט זיין דרוקסארט, און ער שרייבט דארט אפ דעם גאנצן שטיקל פונעם ישמח משה, און ער לייגט דערנאך צו: "וכן הלכה", און אונטערגעשריבן זיין נאמען.

## עצביהם כסף וזהב

**כ"ק אדמו"ר מסקווירא שליט"א אין א שמועס מיט הגה"צ ר' יוסף ישראל אייזנבערגער שליט"א דומ"ץ שיכון סקווירא - נצבים וילך תשפ"ו:**

[ווען דער דיין האט דערמאנט וועגן 'עי-איי', אז ס'זענען דא אזעלכע וואס באנוצן זיך דערמיט אנצופרעגן הלכות,

# דיני ממונות

# פארגעסענע חובות וגזילות

אינטערעסאנטע אפהאנדלונג בדיני ממונות דורך

הרה"ג ר' **שמואל יהודה בריסק** שליט"א

אב"ד חיי עולם בארא פארק - קול "משפט שי", פר' האזינו תשפ"ז

## שאלה

אין אלע גאסן און בתי מדרשים הענגען מודעות, מ'איז מעורר אידן, אז מ'האט אלטע חובות, געלטער וואס מ'איז שולדיג פאר מענטשן, און מ'ווייסט נישט פאר וועמען, זענען דא פארשידענע קאמפאניס וואס קומען צום ציבור און זענען מציע אז מ'קען זיי געבן די געלטער וואס מ'איז שולדיג.

זיי מאכן א "מעמד השבה", מ'איז מזכה די געלטער פאר די בעלים פאר וועם מ'דארף באצאלן דאס געלט, און מיט דעם איז מען מקיים דעם חיוב פון השבת גזילה, באצאלן חובות, א.א.וו.

אסאך אידן האבן גערופן די לעצטע פאר טעג פרעגן. קודם כל, ווי אזוי בין איך מקיים השבת גזילה מיט דעם וואס כ'געב געלט פאר א געוויסע ארגאניזאציע, פאר א געוויסע צדקה?

בעיקר האבן אידן געוואלט פארשטיין, וואס איז געווען פאר די אלע ארגאניזאציעס, וואס איז די הלכה מצד די גמרא און שו"ע, ווען א מענטש ווייסט אז ער האט געמאכט פאר איינעם א נזק, ער איז שולדיג פאר איינעם געלט, ער ווייסט אבער נישט פאר וועם, וואס דארף מען תורה'דיג טון מקיים צו זיין אן ענין פון השבה?

## מעשים בכל יום

דער אמת איז, דאס מאכט זיך זייער אסאך, לאו דוקא ביי איינעם וואס איז עוסק אין משא ומתן, אין ביזנעס, וואס דעמאלט מאכט זיך עס גאר אסאך, שותפות'ן, מקח וממכר, מ'געדענקט נישט וואס און ווער, אבער אפילו סתם אזוי.

איינער מאכט א קריץ אין א צווייטנ'ס קאר, און איז געפארן ווייטער, און אפילו ער האט זיך יא אפגעשטעלט און געגאנגען בודק זיין ווער דער בעה"ב פון די קאר איז, און ער איז נישט דערגאנגען.

אדער וואס מ'פרעגט אסאך, מ'געדענקט פון יארן צוריק, אלס בחור ערגעצוואו האט ער גע'גנב'עט פון א געוויסע געשעפט, און ער קען נישט אנקומען צו די ריכטיגע בעלים, ווער ס'איז דעמאלט געווען באלעבאס פונעם געשעפט.

אזוי כהנה וכהנה האבן מענטשן געוויסע

## לעצטיגע וואונדערליכע
# סיפורי השגחה פרטית

## להיות עיניך פתוחות

**הרה"ג ר' בערל גורעלניק שליט"א ר"מ ישיבת אור תורה - דרשה בביהמ"ד אהל פיגא דסאטמאר וויליאמסבורג, ימי הרחמים והרצון תשפ"ו:**

כ'וויל דערציילן א מעשה וואס כ'האב געזען מיט די אייגענע אויגן; נישט איינמאל, נאר היבש אפאר מאל.

כ'האב געלערנט אין ישיבה אין מאנטשעסטער, פלעגט דארט אריינקומען א וואוילער תמימות'דיגער איד, א תם ומתמם עם תמימים, אן עם הארץ מיט אלע מפרשים, ער האט ממש גארנישט געוואוסט.

ער האט זייער שווער געקענט ליינען, כ'ווייס דאס, ווייל פורים האט מען געמאכט, פארשטייט זיך בחורים ווייסן ווי אזוי זיך מתענג צו זיין מיט אזעלכע סארט מענטשן, מ'האט געמאכט א "פורים צייטונג", האט מען אריינגעלייגט אן ארטיקל וועגן אים.

ער איז געקומען אין ישיבה, מ'האט אים געזאגט אז מ'האט געמאכט אן ארטיקל וועגן אים, ער האט זיך אזוי געפרייט, ער האט ניטאמאל געכאפט אז מ'מאכט ליצנות פון אים... ער האט פרובירט צו ליינען דעם ארטיקל, ער האט עס געלייגט נעבן זיינע אויגן, ער האט עס נישט געקענט ליינען.

ער פלעגט אריינקומען אין ישיבה און בעטן אז מ'זאל אויפמישן א תהילים, ער פלעגט גיין צום ארון הקודש און זאגן תהילים. וועלכע קאפיטל פלעגט ער זאגן? ק"ל. ער פלעגט בעטן: "פליז, אפען איט אפ טו קַל שיר המעלות"...

'קַל שיר המעלות', דאס איז געווען זיין קאפיטל.

מ'האט אים געפרעגט, "דו קענסט דאך נישט ליינען, ווי אזוי קענסטו זאגן דעם קאפיטל?" פלעגט ער זאגן מיט'ן גאנצן תמימות "איך ווייס נישט, איך קום אן צום ארון הקודש, מיינע אויגן עפענען זיך אויף און כ'קען ליינען דעם קאפיטל!"...

דאס הייסט, אין הימל איז דא א נחת רוח פון דעם איד וואס זייט אדם הראשון, זייט דוד המלך, איז ער דער ערשטער וואס זאגט 'קַל שיר המעלות'.

"ודילוגו עלי אהבה", זאגט דער מדרש, ווען א מענטש זאגט, אנשטאט 'ואהבת את ה' אלקיך', זאגט ער 'ואיבת', א לשון פון שנאה, רח"ל, זאגט דער רבוש"ע 'אה, כ'האב אזא נחת פון די גרייזן, אמחי'.

מ'לויפט קיין ליזענסק, ווייל מ'גלייבט נישט אין 'אונזער תפלה', צו וויסן וואס ליגט אין מיין תפלה.

### די תפלה איז 'נתקבל' געווארן

כ'האב געהאט נישט לאנג צוריק מיט א בחור אין ישיבה, אינעם חלק פון די ישיבה קטנה, ס'האט נישט געטויגט, ער האט נישט מצליח

# אינטערעסאנטע הלכה'דיגע נושאים

## איסגעשמועסט דורך הרבנים הגאונים שליט"א

## סוכה שהיא גבוה

**הגאון ר' משה בראנדסדארפער שליט"א גאב"ד היכל הוראה - גליון "היכל הוראה" פר' האזינו תשפ"ז:**

א טאטע מיט זיין זון, א בחור, זענען געקומען צום רב שליט"א מיט א שאלה.

היות ביי זיין דירה איז נישטא קיין פלאץ צו מאכן א סוכה, האט ער געלאזט מאכן א 'הענגעדיגע פארטש' און דערויף געבויט א סוכה, אזעלכע סוכות קען מען זען אין ירושלים לרוב.

דהיינו, עס ווערט ארויסגעצויגן פונעם בנין א פאדלאגע, דאס ווערט אנגעהאלטן צום וואנט פונעם בנין דורך שטארקע שטריק פוןביידע זייטן, אזוי הענגט עס אינעם אויר העולם, און דערויף בויט מען די סוכה.

נאכ'ן אהערשטעלן די סוכה האט דער זון געזאגט פאר'ן טאטן אז ער האט א שטארקע פחד אריינצוגיין אין אזא סארט הענגעדיגע סוכה, אפילו פאר א רגע, עס כאפט אים אן א טרייסל נאר אריינשטעלנדיג א פוס.

זאגט אים דער פאטער אז היות ער איז שוין א בר חיובא, מוז ער אריינגיין אין די סוכה די ערשטע נאכט כאטשיג צו עסן די ערשטע כזית.

איז די שאלה צי דער פאטער איז בכח צו צווינגען דעם זון אריינצוגיין אין סוכה און עסן לכה"פ דעם ערשטן כזית?

דער רב האט געענטפערט אז דער טאטע איז נישט ביכולת צו צווינגען דעם זון אויף דעם, און אויב וועט ער אים יא צווינגען, און דער זון וועט אריינגיין עסן דעם ערשטן כזית, האט דער זון נישט יוצא געווען ידי חובתו!

כאטש ס'איז באקאנט די מחלוקת הראשונים לגבי עסן דעם ערשטן כזית, ווען ס'רעגנט, אויב מ'האט יוצא געווען מצוות סוכה אדער נישט, אבער ביי אונזער פאל האט ער לכו"ע נישט יוצא געווען.

ווייל די סברא פון די שיטה אז מ'איז יוצא מצות סוכה די ערשטע נאכט דעם ערשטן כזית אפילו ווען ס'רעגנט, איז ווייל מ'איז מחויב אלס אכילה מדין שמחת יום טוב.


מרפסת המדוברת שתלויה באויר עם שרשראו

אבער ביי דעם פאל ווען עס באפאלט אים א פחד, ער איז חש בכל גופו פון דעם, ווי באקאנט אז די וואס ליידן פון פחד ווען זיי גייען אויף הויכע פלעצער, הייבט דער גאנצער גוף אן צו טרייסלען, באופן זה איז מען זיכער נישט יוצא די מצוות שמחת יום טוב פון אכילה.

דעריבער האט דער רב געזאגט פאר'ן פאטער פונעם בחור, אז כאטש ער האט גרויס חשק אז

# שמחת התורה

## הרה"ג ר' פייוול קליין שליט"א

### טעגליכע ווערטל איידער'ן שיעור בחבורת "זכרו"

### בביהמ"ד הגדול סאטמאר וויליאמסבורג - פר' נצו"י/האזינו תשפ"ו

ס'איז געווען א נייער בדחן. די בדחנים רעדן דאך היינט פון דעם אז די זיידעס קומען אראפ ביי די חתונה, ער האט געזוכט א פרישע מליצה וואס קיינער האט נאכנישט געזאגט, האט ער געזאגט "רבותי מיר זענען ב"ה זוכה צו גרויסע אורות - יעצט גייט זיין ירידת הדורות"...

*

צוויי יונגעלייט האבן זיך גע'טענה'ט, איינער זאגט "דער רבי ז"ל האט נישט גערוקט די זייגער זומער", זאגט דער צווייטער "אוודאי נישט, ר' יוסף אשכנזי האט גערוקט, דאס טוט א גבאי"...

דער ערשטער זאגט "ניין, באמת האט ער נישט גענוצט א צווייטע זייגער".

היינט טוט זיך אין געזעץ וועגן די זייגערס ווינטער זומער, מ'וויל שפארן לעקטער.

אז מ'רעדט פון צייט. האט דערציילט א חשוב'ער איד, ער פלעגט משמש זיין דעם מנחת יצחק שבת, האט ער מיטגעהאלטן ווי שבת צופרי האט ער זיך מער געיאגט ווי פרייטאג. גראד געדאווענט, געמאכט די סעודה, ער האט זיך אראפגעלייגט פאר א האלבע שעה, און זיך געזעצט לערנען.

פלעגט ער זאגן פארוואס ער יאגט זיך אזוי, ווייל דער תענוג פון האבן די גאנצע 7 שעה ברצופות, דאס האט ער נישט געקענט האבן אינמיטן וואך, אלס רב.

*

ווי אזוי קען מען זיין בשמחה? "בשמחה" איז ר"ת "ה'כל ב'ידי ש'מים ח'וץ מ'יראת ש'מים", אז מ'ווייסט אז יעדע זאך וואס קומט פאר איז בידי שמים, און דער מענטש האט זיך נישט וואס צו זארגן.

א חשוב'ער ברסלב'ער יונגערמאן האט געזאגט אז ער ארבעט זייער שטארק אויף שמחה, האט מען אים געפרעגט צי ס'איז וועגן דעם ווייל אין ליקוטי מהר"ן שטייט "מצוה גדולה להיות בשמחה תמיד"? האט ער געזאגט "יא, אבער נישט מצד די מצוה, נאר אלס הכנה צו די מצוה"...

*

"חרדה מסלקת את הדמים", שטייט עטליכע מאל אין די מסכתא. אין דברי ישראל פון מאדזיצער רבי'ן, טייטשט ער "חרדה", אז א מענטש ציטערט אז ער וועט נישט האבן קיין געלט, "מסלקת את הדמים", דאס איז מסלק די שפע. מ'טאר נישט ציטערן.

רבי מאיר פרעמישלאנער האט געזאגט "אספרה אל חק" ווען מ'רעדט פון פרנסה, חק לישנא דמזוני, זאגט דער אויבערשטער "אני היום ילדתיך", ביזטו דען היינט געבוירן? זעסטו נישט וויפיל מאל האסט געציטערט און כ'האב דיר געהאלפן? עד הנה עזרונו און מ'דארף נישט מורא האבן אויף ווייטער.

א מענטש טאר נישט האבן קיין ציטער, מ'דארף האבן א געוואלדיגע שלוות הנפש און א רואיגקייט פון בטחון אין געלט, און אין אלע

# האב געדולד

# כ"ק אדמו"ר מ**ליזענסק ב"פ** שליט"א

## "יושבי אהל" - שמועס פר' האזינו תשפ"ז

## אביסעלע סבלנות

מ'האט אמאל געוואלט בודק זיין די תכונת הנפש פון קינדער, האט מען גענומען א מוסד וואס האט קינדער פון קליין ביז גרויס, אלע עידזשעס, מ'האט געטיילט פאר די קינדער "נאש".

דער מלמד האט געזאגט פאר די קינדער אזוי: "ווער ס'וויל יעצט, געב איך איין קענדי, ווער ס'איז גרייט צוווארטן אויף אפאר שעה ארום, וועל איך געבן צוויי קענדיס", און ער האט אנגעהויבן טיילן.

א דריטל קינדער זענען געקומען נעמען שוין. נאך אפאר מינוט, איז צוגעקומען נאך א דריטל. נאר א קליין פראצענט, א דריטל אדער אפשר ווייניגער, האבן אויסגעווארט אויף אפאר שעה ארום.

דער מלמד האט אראפגעשריבן וועלכע קינדער האבן געוואלט צו באקומען איינס שוין, און וועלכע האבן געוואלט ווארטן צו באקומען צוויי.

די אלע וואס האבן געווארט, זענען אויסגעוואקסן תלמידי חכמים, געהאט שיינע פרנסות, געהאט א גוטע שלום בית, מוצלחים אין אלע שטחים אין לעבן. דער וואס האט געדולד איז מצליח מיט אלעם אין לעבן.

דער חזון איש איז אמאל ארויף מיט א תלמיד אויף א בארג. דער תלמיד האט אנגעהויבן טיף אטעמען און קרעכצן, זאגט דער חזון איש פאר'ן תלמיד "וואס איז דער חילוק צווישן ארויפגיין אויף א בארג אדער גיין אויף א גראדע פלאץ? דער חילוק איז איין זאך: אביסעלע סבלנות". אז מ'האט נישט סבלנות, ווערט שווער, מ'ווערט אנגעצויגן.

## איין משנה

א מורא'דיגער מוסר השכל, דא אין שול אין ליזענסק, האמיר ר' לייבוש באכנער, ר' משה ענגלענדער, ס'איז געווען נאך א יונגערמאן, ר' שמואל גרינבוים, האבן זיי מיר געבעטן כ'זאל פארלערנען יעדן טאג נאך שחרית "איין משנה א טאג", אבער 7 טעג א וואך.

געענדיגט זיך האט זיך עס אז מ'האט פארגעלערנט גאנץ זרעים, גאנץ מועד, און מ'האלט שוין יעצט סוף נשים, מ'לערנט יעצט נזיר. פון איין משנה א טאג, אבער יעדן טאג.

מ'קען טרעפן אלטע אידן, אפילו תלמידי חכמים, וואס האבן געענדיגט ש"ס, אבער ששה סדרי משנה נישט. מ'וועט זיך אוועקזעצן לערנען זרעים, טהרות? מ'שטופט אהער און מ'שטופט אהין.

אז מ'לערנט אביסל, קובץ על יד ירבה, צוביסלעך, אבער זיך נישט אפשטעלן. סבלנות, געדולד.

אין ירושלים איז געווען רבי דוד בהר"ן, 'רחוב בהר"ן' איז על שמו. ער האט געהאט אן עבודה, ער האט גענומען פארדרייטע סחורה און ער האט עס אויפגעקניפט. מ'האט אים געזאגט "ס'איז דאך ביטול תורה", האט ער

# כיבוד אב ואם

שאלות ותשובות דורך

## הרה"ג ר' שמעון גערטנער שליט"א

מו"ץ במאנסי

אויף די **"קלארקייט"** ליניע, פר' נצו"י/האזינו תשפ"ו

**שאלה: מ'האט געזעהן שטיין אז צדקה פאר עלטערן קומט פאר עניי עירך, אבער ווען די עלטערן ספענדן געלט פאר אסאך זאכן וואס פעלט נישט אויס, איז נאך אלץ דא דער דין?**

תשובה: יא. אויב מ'זעט אז מ'קען זיי ארויסהעלפן, זיי קענען עס נוצן, גייט עס אריין אין די מצוה. דאס וואס זיי ספענדן איז זייער חשבון.

**שאלה: מ'איז געפארן צו די מאמע, האבן צוויי מענטשן געזאגט "אז דו גייסט צו די מאמע, געב איר א גריס", די מאמע האט געזאגט "געב איר צוריק". דארף מען יעצט נאכגיין און אויפזוכן די מענטשן צוריקצוגעבן די גריס?**

תשובה: נארמאל מיינט עס נישט אז דו זאלסט אנרופן און נאכגיין. נאר היינט ווען מ'זאגט 'שיק צוריק' מיינט עס, אז ווען מ'טרעפט יענעם, זאל מען צוריקשיקן.

אויב ס'איז א נאנטע, מעג מען סתם אזוי רופן זיך אנוואוינטשן, און אז מ'רופט שוין סיי-ווי קען מען דאך שוין איבערגעבן די גריס. אבער ס'מיינט נישט אז ס'איז ממש א חיוב.

**שאלה: ס'איז דא א "משפחה ליין", און די מאמע האט זייער הנאה ווען מ'קומט ארויף, וואס טוט מען ווען ס'שטערט פון דאווענען, און ס'וועט זיין ניכר אז מ'קומט נישט ארויף אויף די ליין, וועלכע קומט ערשט?**

תשובה: אוודאי להלכה קומט דאווענען פאר כיבוד אם, א פרוי איז מחויב צו דאווענען עפעס עכ"פ. אבער ס'איז יא כדאי אויב מ'קען אויסארבעטן צו מאכן ביידע, אפשר קען מען דאווענען נאכדעם, אדער אביסל פריער.

ווען ס'איז ממש א סתירה, קען מען זאגן אז מ'איז יעצט פארנומען און מ'קען נישט יעצט ארויפקומען.

**שאלה: מ'האט אן עלטערער טאטע וואס דארף האבן פארשידענע הילף, און די קינדער פילן אז דער וועג ווי אזוי די מאמע גייט צו דערצו, איז נישט גוט פאר'ן טאטן. מעג מען זיך שטעלן אויף דעם?**

תשובה: א זאך וואס מ'קען זיכער זאגן אז ס'איז א סכנה, דארפן די קינדער טון וואס זיי דארפן טון. אבער היות ס'איז זיכער אז די מאמע מיינט נישט דא אריינצולייגן אין א סכנה, נאר אזוי ווי אייביג ווען מ'קומט אין אזא מין מצב, זענען דא חילוקי דיעות, אמאל קען זיין צווישן די קינדער, און אמאל צווישן די מאמע.

## לשון טוב

# א גוט ווארט פאר א איד

## הר"ר אהרן גראסמאן שליט"א

אין סעריע פון "לשון טוב", פר' האזינו תשפ"ז

## ווּאונדערבארע סברות

טייערע אידן, הערטס א מורא'דיגע מעשה וואס כ'האב געהערט פון א יונגערמאן, ר' זאב, פון לעיקוואד.

מ'רעדט דא פון א יונגערמאן וואס איז א ראש החבורה, אן עילוי, א ירא שמים, ער האט זיכער אן עתיד בס"ד. כ'האב אים געפרעגט בתוך הדברים צי ער איז אלעמאל געווען פון די מצוינים? זאגט ער "ממש נישט", ער איז געווען אמאל 'זעבי', א צוריקגעצויגן יונגל.

ער האט געהאט כשרונות, אבער ער האט נישט פרובירט ארויסצושטיין מיט זיינע כשרונות, און ס'איז אים נישט גרינג אנגעקומען צו טרעפן חברים. א שטיק צייט האט ער פרובירט צו לערנען אסאך, ס'איז אים אבער נישט געגאנגען, ער האט עפעס נישט געטראפן זיין וועג.

דאס האט אים געמאכט מער און מער צוריקגעצויגן, א שטילער, ער איז נישט ארויסגעשטאנען מיט גארנישט.

ויהי היום, ער איז אנגעקומען אין ישיבה גדולה שיעור א'. איין טאג האט ער געזאגט פאר'ן מגיד שיעור א סברא, דער מגי"ש איז ארויס פון די כלים, ער האט זייער שטארק הנאה געהאט. ער האט געפילט אז דער מגי"ש מיינט עס אמת'דיג, ער מאכט זיך נישט כדי צו געבן חיזוק, נאר ער האט באמת הנאה.

דער מגי"ש זאגט אים "דו ווייסט זעבי, דו רעדסט צו די זאך, דו האסט א גוטע קאפ, דו האסט זייער גוטע כשרונות". דער בחור איז געווען נעבעך זייער הונגעריג פאר גוטע ווערטער, האט ער זיך אנגעהויבן דרייען נעבן דעם מגי"ש און פרובירט צו זאגן סברות...

און דער מגי"ש האט עס צוגעשטעלט, ער פלעגט כסדר אויסרימען ביי יעדע געלעגנהייט זיינע ווּאונדערבארע סברות, וואספארא שכל הישר און שיקול הדעת ער האט. איין טאג איז זעבי נישט געווען ביים שיעור, דעם נעקסטן טאג זאגט ער אים "זעבי, כ'קען נישט אן דיר, כ'דארף דיר האבן". דאס האט אים געמאכט פילן ממש אמחי'.

ר' זאב זאגט מיר, מיט די צייט האט ער אנגעהויבן אויפהערן לעבן אויף די קאמפלימענטן פונעם מגי"ש, נישט זיין אזוי שיכור צו באקומען גוטע ווערטער, ער האט אנגעהויבן גלייבן אז יא, איך האב אייגענע כוחות, כ'האב כשרונות, כ'האב מיין וועג פון טראכטן.

ווי מער ער האט זיך אנגעהויבן פארלאזן אויף זיינע כשרונות וואס דער אויבערשטער האט אים געגעבן, האט ער אנגעהויבן וויינציגער

# סכך כשר

# הרה"ג ר' **אפרים זלמן מרגליות** שליט"א

## שיעור כשרות המאכלים, "יושבי אהל", פר' האזינו תשפ"ז

לאמיר רעדן וועגן די שאלה פון בודק זיין סכך פון שרצים און תולעים.

די זאך אז סכך קען האבן אויף זיך שרצים, ווערט שוין דערמאנט אין פרי מגדים אין הלכות שבת (סימן שט"ו), ער רעדט ארום וועגן א דין אין הלכות אוהל, אז ס'זענען דא וואס טוען אן סוכות א ברייטע הוטל, די ברים איז מער ווי א טפח, צו באשיצן פון שרצים וואס פאלן אראפ פון די סכך, אז ס'זאל נישט אריינפאלן אין די טעלער.

דאס מציאות איז אז היינט צוטאגס איז נאך אלץ דא. און נישט נאר אין אלטע סכך, וואס מ'האט שוין געהאט פאריאר, און נישט נאר וואס מ'טרעפט אין די גרינע, וואס מ'האט אייביג געוואוסט, נאר מ'טרעפט אפילו אין "קיינעס סכך", און אפילו אין נייע.

אז ס'קומט יעצט אן א קאנטעינאר פון כינע, מ'עפנט עס אויף און מ'איז בודק, און מ'טרעפט דארט א גאנצע חתונה פון שרצים.

וועלכע שרצים טרעפט מען? האמיר שוין גערעדט מיט פארשידענע מומחים וועלכע האבן שוין געקוקט, האבן זיי געטראפן "ווייסע ספיידערס", ס'איז מער דורכזיכטיג, ס'איז אביסל שווער צו טרעפן, אז מ'קוקט גוט, זעט מען זיי.

אויך טרעפט מען "מייטס", "בוקלייטס", און "בידעלס". יעדער שרץ קומט פאר אן אנדערע סיבה, ס'זענען דא וואס קומען וועגן סטארעדזש-אישוס, אנדערע קומען פון אנדערע אישוס. אבער דאס מציאות איז אז ס'איז דא, און אסאך מאל בשפע רב.

ס'איז מסתבר אז אינמיטן די סעודה ערגעצוואו ווען מ'האלט אינמיטן עסן קען עס אנקומען אין טעלער, און ח"ו קען א מענטש דאס קומען עסן.

דאס מציאות האבן מיר געפרעגט פארגאנגענע יארן אסאך מענטשן, מ'האט זיי געבעטן זיי זאלן בודק זיין צי זייער סכך איז פארפעסטעט. אסאך האבן גארנישט געטראפן, אבער ס'זענען געווען אסאך וואס האבן יא געטראפן, אפילו אין נייע, אין פרישע סחורה.

איינער האט מיר אפילו געזאגט, די סכך האט געהאט שרצים, האט ער עס ארויפגעלייגט געהעריג אויפ'ן דאך, און געווארט צו זען אויב די שרצים גייען אנקומען אויף די טיש. ווי אזוי זעט מען? מ'לייגט א ווייסע טיש, אדער א ווייסע טישטוך אונטער די סכך, און אז ס'פאלן אראפ שרצים קען מען עס באמערקן.

ער האט געלאזט די טיש אונטער די סכך איבערנאכט, און צופרי האט ער געטראפן אסאך שרצים אויף די טיש.

דער פראבלעם פון שרצים אין די סכך איז צווייפאכיג. קודם די שרצים, רח"ל, מ'זיצט אין די סוכה, בצלא דמהימנותא, און מ'קען נכשל ווערן אין אזויפיל צענדליגער לאווין, זאל דער אויבערשטער אפהיטן.

נאך א חשש איז דא, אונז ווייס מיר, אין שו"ע סימן תרכ"ט (סי"ד), חז"ל האבן גע'אסר'ט מסכך צו זיין מיט סכך וואס די בלעטער פאלן אראפ, אדער ס'האט נישט קיין גוטע שמעק, ווייל כ'האב מורא אז ער וועט ארויסגיין פון די סוכה.

# גּוֹרַל הַצַּדִּיקִים

## שמועס מיט הר"ר **משה יצחק ווערטהיימער** הי"ו

## איבער "**חלוקת הירושה**" בחצר הק' סאטמאר

### "קול מבשר" - פר' האזינו תשפ"ז

**ר' וועלוול שמעלצער: לויט ווי מ'הערט בידעו געשטאנען אונטער די גאנצע חלוקת הירושה, אפשר וואלטן מען געקענט מאכן א שטיקל אינטערוויו וועגן דעם?**

ר' משה יצחק ווערטהיימער: ניין. כ'בין נאכנישט גרייט אויף קיין אינטערוויו, ס'איז נאכנישט פארטיג.

אבער כ'האב למעשה א שטיקל הכרת הטוב פאר דיר, מיין שמעון איז געווען ביי דיר אין קעמפ, ער רעדט נאך אלץ פון דעם. 3-4 קשיות קענסטו מיר פרעגן.

**ר' וועלוול: קודם, ווי אזוי האט זיך אנגעהויבן די גאנצע זאך?**

ר' משה יצחק: אלע גרויס קארפן קעפ האבן פרובירט אז די זאך זאל צושטאנד קומען, אבער ס'איז אריבער 20 יאר, און ס'איז נישט געשען.

די זאכן זענען פאר מיר פערזענליך א חשוב'ע זאך, ווייל איך האב געהאט די זכי' זיך צו דרייען ביים רבי'ן ז"ל אין שטוב נאך אלס יונג בחור'ל, כ'האב צוגעהאלפן ביי די רביצין אייביג. שפעטער בין איך געווארן הויז-בחור.

דער רבי פלעגט מיר יעדן טאג געבן צאמצולייגן די "רבינו תם תפילין" פונעם הייליגן קדושת יו"ט, ס'איז ביי מיר קיינמאל נישט געווארן א רגילות, מ'רעדט דאך פונעם קדושת יו"ט'ס תפילין. די מנורה איז אויך פונעם קדושת יו"ט. פורים בין איך ארויף מיט'ן רבי'ן צום באלעמער מיט'ן קדושת יו"ט'ס מגילה.

ווי אזוי די זאך איז צושטאנד געקומען, כ'רעד מיר נישט איין אז כ'קען עפעס. למעשה, איך ארבעט פאר ר' יחזקאל דוד בערקאוויטש און ר' יואלי זופניק.

צוויי-דריי יאר צוריק באקום איך איין טאג א פאון קאל, ר' יחזקאל בערקאוויטש איז אויפ'ן טעלעפאן צוזאמען מיט ר' ליפא פריעדמאן:

"משה יצחק, אונז זיץ מיר דא אויף א מיטינג אין ר' אליעזר שיינער'ס הויז אין מאנסי - ער רעכנט מיר אויס ווער ס'איז דארט, פון ביידע צדדים - ביידע זייטן טראסטן משה יצחק ווערטהיימער זאל טון די טעכנישע ארבעט פאר די ירושה, מ'דארף צאמנעמען די זאך און שאצן, מ'וועט מאכן א גורל, און יעדער וועט זיין צופרידן אי"ה".


בס"ד
מכתב בקשה ואזהרה חמורה

אקעי, פיין, ס'איז א ריזיגע כבוד. אבער, כ'האב עס געטרייט צו טאפן, און כ'האב נישט געזען אין די צדדים א שטארקע אינטערעסע אז דאס זאל געשען.

# נָגִיל וְנָשִׂישׂ

# הרב **פישל שעכטער** שליט"א

## הכנסת ספר תורה לע"נ א קליין קינד ע"ה - כ"ז אלול תשפ"ו

## לפום צערא

איך האב אמאל געהאט די געלעגנהייט ארומצוגיין מיט רבי יענקעלע גאלינסקי ז"ל קאלעקטן צדקה.

מ'איז אנגעקומען צו א טיר פון אן עושר, שטייט דארט א צעטל מיט די זמנים, מ'קען נאר קומען פון איין שבת מברכים ביז'ן מולד... יעצט איז נישט דער זמן.

אבער רבי יענקעלע קלאפט, נישט סתם, נאר 'בום בום', ער זעצט און זעצט. כ'האב געזאגט פאר רבי יענקעלע "ס'איז א שאד צו קלאפן, ער נעמט נישט אויף יעצט". זאגט ער מיר "לערן דיר נישט אויס מיין ביזנעס"...

די טיר עפנט זיך און א קליין יונגעלע שטייט דארט, ער זאגט "מיין טאטע איז נישט אינדערהיים". זאגט אים רבי יענקעלע "פרעג דיין טאטע נאכאמאל צי ער איז אינדערהיים אדער נישט"... דאס יונגעלע קומט צוריק "מיין טאטע זאגט אז ער איז נישט אינדערהיים"...

האט רבי יענקעלע אריינגעשטעקט זיין קאפ און געזאגט: "בעריש בעריש, אויב ווען איר זענט אינדערהיים, זענט איר נישט אינדערהיים, וואס וועט זיין ווען ס'וועט קומען די צייט ווען איר וועט טאקע נישט זיין אינדערהיים?"

און ר' בעריש איז אנגעקומען!... א נס, מסתמא דורכ'ן פענסטער...

מ'האט זיך אנגעהויבן ארומ'טענה'ן. "דו קאלעקסט פאר א כולל? די היינטיגע כולל-יונגעלייט טוען גארנישט, זיי קענען ניטאמאל די עשרת הדברות".

האט אים רבי יענקעלע געזאגט "איך זע אז צוויי פון די עשרת הדברות קענט איר, 'אנכי' און 'לא יהיה לך'..."

זיי האבן זיך ארומ'הרג'עט איינער דעם אנדערן, און צום סוף האט דער עושר געגעבן א טשעק פון 5 טויזנט דאלאר.

האט מיר רבי יענקעלע געזאגט "כ'וויל דיר עפעס זאגן, ווען מ'זאגט 'ראש ישיבה, פליז קאם אין, זעצט אייך', אזוי דארף מען צו טון, אבער דעמאלט ווייס איך אז כ'באקום 36 דאלאר... איך דארף האבן מ'זאל מיך צרייסן אויף שטיק-שטיקער, דעמאלט ווייס איך אז כ'בין מצליח".

האט ער מיר דערציילט אז ער האט אמאל געהאט די זעלבע זאך אין פייוו-טאונס, ער האט געקלינגען די בעל. האט מען אים געזאגט "ס'איז אינמיטן א שבע ברכות, איר קענט נישט אריינקומען יעצט".

האט ער געפרעגט "אפשר קען איך זאגן אפאר ווערטער ביי די שבע ברכות?" זאגט מען אים "יא, נאו פראבלעם, ווארט אינדרויסן". ער האט געווארט אין בעק פון די הויז, מ'האט אים נישט געזאגט אז ס'איז דא דארט א סווימינג-פול, ס'איז געווען טונקל, און נעבעך, ער איז אריינגעפאלן...

זיי האבן געהאט אן אלארעם וואס פייפט ווען איינער פאלט אריין, דער עולם איז ארויסגעלאפן.

# כְּרַחֵם אָב

# הרב יואל לעבאוויטש שליט"א

## שמועס פר' האזינו תשפ"ז

## ווי בעסטע ברידער

כ'בין געווען ביי א בר מצוה לעצטנס, כ'בין געווען אזוי נתפעל. די עלטערן האבן זיך גע'גט שוין א שטיק צייט צוריק, האסט נישט געקענט דערקענען אז דא איז אפילו געווען א גט. ביידע האבן שוין חתונה געהאט נאכאמאל, ביידע טאטעס האבן באקומען אייניגע אטענשאן.

דער בחור האט געהאט א שמייכל פון דא ביז דא, ער האט נישט אויסגעקוקט ווי א קינד פון א צעבראכענע שטוב, ווייל ס'איז טאקע נישט א צעבראכענע שטוב. ווען עלטערן שיידן זיך און ס'גייט ווייטער אן גוט, איז עס נישט קיין צעבראכענע שטוב.

אויב מ'מאכט עס אויף א קלוגן אופן, אז דאס קינד זאל נישט פילן ווי אים פעלט עפעס, כ'האב מיין טאטע וואס האט מיר ליב, כ'האב מיין מאמע וואס האט מיר ליב, נאר צווישן זיך האבן זיי נייע שותפים, און מ'טוט נישט חלילה בארעדן איינער דעם צווייטן, אין א וועג קען עס נאך זיין שענער, ווייל זיי באקומען דאפלטע ליבשאפט.

פאריגע וואך האב איך געזינגען אויף א חתונה ביי מצוה-טאנץ, כ'בין געווען אזוי איבערגענומען. די מיידל'ס שטיף טאטע מיט'ן עכטן טאטן האבן זיך מכבד געווען איינער דעם צווייטן כאילו זיי זענען בעסטע ברידער. זיי האבן עס געטון ווייל זיי האבן ליב זייער קינד.

ס'איז געווען א פייט, געענדיגט, דאס איז שוין געווען, יעצט גיי ווייטער. האסט דיך גע'גט פאר א סיבה, ווייל דו ווילסט גיין ווייטער מיט'ן לעבן, גיי טאקע ווייטער, דיינע קינדער דארפן נישט ליידן וועגן דעם.

ווען עלטערן וואלטן געוואוסט וואספארא היראו'ס זיי קענען זיין, כ'רעד אסאך מאל צו אזעלכע עלטערן, די מאמע זאגט "אבער ער האט שוין נישט געזען דאס קינד אזוי לאנג, ווי אזוי קען מען דאס פיקסן?"

זאג איך אקעי, ס'איז געווען א מיסטעיק, איר ווייסט ווי אזוי איר קענסט עס פיקסן? זייט איר די היראו, זאגט פאר אייער קינד, "זאלסט וויסן, ביזט געווען יונג, כ'האב דיר נישט געוואלט צומישן, אבער זאלסט וויסן אז דו האסט א טאטע, דיין טאטע האט דיר ליב, דיין טאטע וויל דיר זען, דיין טאטע וויל דיר קענען".

זיי דו וואס ברענגט זיי נאנט. ער גייט אייביג זאגן "ווייסט מאמי, ווען כ'בין געווען קליין האב איך נאכנישט פארשטאנען, און דו האסט געהאט שכל ווי אזוי עס צו פיקסן".

## קיינמאל נישט פארגעסן

ווען עלטערן וואלטן געוואוסט וואספארא העלפליין טאטע מאמע זענען, אפילו ווען דער טאטע אדער מאמע איז נישט דער נארמאלסטער מענטש, קען זיין מ'האט אסאך

# אסיפה

## געקליבענע סיפורים און געשעענישן געזאמלט פון די היימישע ליניעס און גליונות

# שלום על ישראל

**הרה"ח ר' אברהם האלפערין הי"ו - "קול מבשר", ב' האזינו תשפ"ז:**

ב"ה דעם ערב יו"ט ראש השנה האט זיך געענדיגט א מחלוקת צווישן צוויי אידן וואס זענען געווען צוקריגט פאר בערך 40 יאר!

40 יאר צוריק האט מען זיך צו'הרג'עט פאר בעבישקייטן, און ב"ה איך האב געהאט די זכי' שלום צו מאכן, און דאס האט מיר אריינגעפושט אינעם יו"ט מיט א מורא'דיגע שמחה.

רבי צדוק הכהן זאגט, ווען איינער איז מצער א צווייטן קען אים קומען א שטראף, אבער דער וואס איז נישט מוחל האלט אן די שטריק פון די מחלוקה, און דאס פייער קען אנקומען צו אים אויכעט. וועגן דעם דארף מען מוחל זיין.

'מוחל זיין' מיט א 'טינא בלב' זענען צוויי אנדערע זאכן. מ'דארף ארויסזאגן מיט'ן מויל "איך בין מוחל", און אפילו ס'בלייבט נאך א טינא בלב, איז דאס נאך אלץ א געהעריגע מחילה.

איך האב יעצט געהאט א מעשה, א איד האט מיר געקאלט צוויי וואכן פאר יו"ט, א איד האט אים מורא'דיג מצער געווען, און ער ליידט וועגן דעם ביטערע צרות. ער פרעגט מיר "ווי אזוי קען איך אים מוחל זיין? כ'וויל און כ'וויל, אבער ס'גייט נישט".

זאג איך אים, כ'האב פאר דיר אן עצה, שרייב אראפ אויף א צעטל די מחילה. זאגט ער "איך קען נישט שרייבן".

פיין, איך וועל שרייבן. איך האב געשריבן, ער האט מיר געמאכט פאר א שליח, מ'האט געמאכט א קנין מיט עדים, אז ער איז מוחל, און אויב ציט ער צוריק, איז זיין צוריקציען גארנישט ווערד.

מ'האט איבערגעגעבן דעם בריוו, און ס'איז געווארן א שלום, אויף אזוי ווייט, דער וועם ער האט מוחל געווען האט חתונה געמאכט, און ער איז געקומען אויף די חתונה וואונטשן מזל טוב!

איז ער נישט אנגעווייטאגט אויף יענעם? זיכער אז יא, ער ליידט צרות וועגן די זאך וואס יענער האט געטון, ס'האט אבער נישט קיין שייכות, ער האט געוואלט פאר ר"ה מאכן א נחת רוח פאר'ן רבוש"ע, ער האט מקיים געווען דעם "ואהבת את ה' אלקיך בכל לבבך ובכל נפשך ובכל מאודך".

א מענטש איז דאך נאר א מענטש, ס'איז נישט גרינג אויפצוגעבן א ווייטאג אויף יענעם, אבער מוחל זיין און א טינא בלב זענען צוויי אנדערע זאכן.

א מחלוקת קען געשען וועגן א בעבישקייט, אבער מענטשן זענען זייער סענסיטיוו, וגם אני בתוכם. רוב בדחנים זענען סענסיטיוו, וועגן דעם שטייען זיי אויפ'ן בענקל אוןווארטן מ'זאל לאכן פון זייערע דזשאוקס...

די שוועריקייט פון מאכן שלום איז, ווייל יעדער האט זיין מעשה, און ער האלט אז זיין מעשה איז גערעכט. מ'זאגט א ווערטל, ווער האט "שלום בית"? דער שכן, ווייל ער הערט ביידע מעשיות...

ביז אהער בלויז א 'טעימה קלה' פון

# מטעמים

## א חידוש'דיגע יצירה וואך נאך וואך - נאנט צו 100 זייטן אנגעפילט מיט לויטער תוכן

## זאפטיגע ציטאטן פון דרשות און שיעורים פון רבנים ומגידים און היימישע ליניעס

## אלעס אויף אידיש - אויף א ליינבארע געשמאקע סטיל - געאייגנט פאר די גאנצע משפחה

צו באקומען ביי די מקוואות און סופערמארקעטס אין וויליאמסבורג, בארא פארק, מאנסי, קרית יואל, סקווירא, לעיקוואוד, מאנטרעאל, קרית טאהש

צו סובסקרייבן אויף אימעיל:

**subscribe@matamimweekly.com**

כָּל מִינֵי '**מַטְעַמִּים**'... לְהִתְעַנֵּג בְּתַעֲנוּגִים